זיי וועלן אָבער ווייטער נישט קומען; וואָרום זייער 9
נאַרישקייט וועט ווערן באַשיינפּערלעך קלאָר פֿאַר
אַלעמען, ווי עס איז אויך געשען מיט יענע. דו 10
אָבער האָסט נאָכגעפֿאָלגט מיין לערנונג, מיין אויפֿפֿי־
רונג, מיין מיינונג, מיין אמונה, מיין לאַנגמוטיקייט,
מיין ליבע, מיין סבלנות, מיינע פֿאַרפֿאָלגונגען, 11
עינוים, וועלכע זענען געקומען אויף מיר אין
אַנטיאָכיען, אין איקאָניום, אין ליסטראַ; וואָס פֿאַר
אַ רדיפֿות איך האָב איבערגעטראָגן; און פֿון אַלע
האָט מיך דער האַר מציל געווען. יאָ, אַלע, וועלכע 12
ווילן לעבן גאָטספֿאַרכטיק אין משיח ישוע,
וועלן פֿאַרפֿאָלגט ווערן. שלעכטע מענטשן אָבער 13
און באַטריגער וועלן ווערן ערגער און ערגער,
וועלן פֿאַרפֿירן און פֿאַרפֿירט ווערן. דו אָבער בלייב 14
אין דעם, וואָס דו האָסט געלערנט, און וואָס איז
דיר אָנפֿאַרטרויט געוואָרן, וויסנדיק פֿון וועמען
דו האָסט עס געלערנט, און ווייל פֿון קינדווייז 15
אויף האָסטו געקענט די כתבי הקודש, וועלכע
קענען דיך מאַכן קלוג צו ישועה דורך אמונה, וואָס
איז אין משיח ישוע. אַלע כתבי (הקודש) זענען 16
פֿון ג־טס גייסט, און זענען נוצלעך צו
לערנונג, צו מוסר, אַרויפֿצופֿירן אויפֿן דרך הישר,
צו דערציאונג אין צדקות; כדי דער מענטש פֿון ג־ט 17
זאָל זיין שלימותדיק, פֿעליק צוגעגרייט צו אַלערליי
מעשים־טובים.

four Chapter

## קאַפּיטל פֿיר

איך באַשווער דיך פֿאַר ג־ט און פֿאַר משיח ישוע, 1
וועלכער וועט משפּטן די לעבעדיקע און די
טויטע, און פֿאַר זיין דערשיינונג און זיין מלכות;
רוף אויס דאָס וואָרט; טרעט אויף אין געלעגנער 2